# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Ṿinṭer

**Brenner, Yôsēf Ḥayyîm**
**ברנר, יוסף חיים**

**Ṿarshe, 1936**

בל.

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203**

Visual Library

## לב.

ס׳איז געווען אָ פרייטיק־צו נאַכט.

יענעם גאנצן טאָג האט מיין טאטע אויסגעזען ווי אַ מענטש וועמען ס׳איז פארענטפערט געווארן די הארבסטע פראגע אין זיין לעבן, ער האט זיך באמיט אונז צו געבן אָנצוגעהערן, אז ער טראגט ארום עפעס אסוד, אז ער האט אין זיך באַהאלטן עפעס א פארבארגענע זאך, וועלכע ער וועט, סוף־כל־סוף אנטפלעקן ...

מקבל־שבת זיין בין איך נישט געגאַנגען. און אז דער טאטע איז צוריקגעקומען אליין פון דאוונען, האט ער זיך נישט געשפעטיקט אָנצופאלן אויף מיר:

— מאָטל־ירוחם דער קרעמער איז געווען דארטן און ער האָט מיר דערציילט זאכן פון עובדיהן, אז אך און ווי צו מיר! געווען חברים פון קינדווייז אָן, און ווער ווייס נאך אזוי ווי איך, אז יענער האט אים אפילו צו די פאַנטאָפל נישט געגרייכט. און איצטער?... יענער איז גליקלעך... כל טוב... און מיין „תכשיט" זיצט און לייענט זיין שמאטע...

— טאטע, וואָס ווילסטו? — האָט זיך פון מיר ארויסגעריסן א קראנק קול.

— וואס איך וויל? איך ווייס וואס איך וויל... אהא. דאנקען גאָט, וואס דו האָסט, לכל הפחות, געעפנט דאס מויל.. און אזוי — איך רעד און רעד און ער איז ווי אַ שט.מער... ווי אים וואלטן די אלע זאכן גאָרנישט אָנגעגאנגען... ווי ער וואלט געווען דער קלאָרער און איך דער משוגענער... אבער אלע משוגעים זאָגן דאך, אז זיי זענען די קלאָרע נאר די גאנצע וועלט איז משוגע געוואָרן... אָהאָ, וואָס איך וויל...

איך וויל... איך זע, אַז דו זיצסט אָפּ גאַנצע טעג איבער שמאַטעס, און ווען מ'לאָזט דיך, וואָלסטו נישט געגעסן און געטרונקען... און איך פֿרעג דיך, דו מאָדנער מענטש, בלויז דאָס: וואָס וועט דיר ברענגען און וואָס וועט דיר צוגעבן דײַן שמאַטע, אין וועלכער דו ביסט אַזוי שטאַרק אַרײַנגעטאָן? וואָס? געלט? כּבֿוד? דעם כּבֿוד זאָלן האָבן אַלע מײַנע שונאים... אַלע טײַטלען דאָך אויף דיר מיט די פֿינגער... דער מוח פֿון אַלע שטאָט־לײַט איז דאָך נישט משׂיג ווער דו ביסט און וואָס דו ביסט... און אַלע לאַכן אין די הויפֿנס... איך וואָלט אויך געלאַכט — ווען עס וואָלט נישט געווען מײַן משוגענער... נײַן; איך האָב אויך פֿריִער נישט משׂיג געווען... איך ווייס, אַז עס זענען פֿאַראַן אמתע צדיקים, וועלכע וואַרפֿן אַוועק דאָס גאַנצע עולם־הזה־לעבן און גיבן זיך אײַנגאַנצן איבער תּורה־ועבֿודה... אָבער דו, אַ „קליפּה“ — און נישט מער...

— אַ „קליפּה“ — האָט נישט געשמעקט מײַן מאַמען דאָס־דאָזיקע וואָרט.

— נײַן?.. דו ווילסט נישט?..

— אָבער וואָס ווילסטו? — האָב איך זיך אַ צווייט מאָל אַ כאַפּ געטאָן.

— אָט דאָס וויל איך! — איז פֿאַרפֿולט געוואָרן די מאָס פֿון זײַן כּעס און פֿון זײַן פֿײַנטשאַפֿט, און מיט אַ מין שרעקלעכער צערודערונג האָט ער אין דער מינוט געפֿונען זײַן וואָכעדיקע קאַפּאָטע און אַרויסגענומען פֿון דאָרטן עפּעס אַ בריוו, וואָס דער קאָנווערט איז געווען צעריסן, און האָט מיט אים מיר אַ שמיץ געטאָן איבערן פּנים.

אויפֿן צעריסענעם קאָנווערט איז געווען מײַן אַדרעס.

דער בריוו איז געווען פֿון דער לערנער. חײַמאָוויטש איז שוין נישט אין .N, און ער בעט אַ קלײנע געלט־שטיצע, ווײַניקסטנס, אַ צען רובל, ווײַל ער פֿאַרמאָגט נישט קײן אײן גראָשן, און דאַווידאָווסקי האָט אויך פֿאַרלאָזן די שטאָט (ער האָט עס געטאָן פֿרײַוויליק). אפֿשר קען איך אים קומען צו־הילף? איך קען שיקן דאָס געלט אויף איר אַדרעס.

נאָך איז דאָרטן געווען פאָלגנדיקע בקשה: כאָטש עס וועט אוודאי אויסקומען ווי אַן עגאָאיזם, אויב זי וועט רעדן וועגן זיך, בעת איר איינציקער פריינט איז אין אַ צרה, פונדעסטוועגן — אויך איר לאגע איז זייער אַ געדריקטע: זי האָט נישט קיין לערער און נישט קיין לעקציעס. אפשר וואָלט איך געקאָנט שאַפן פאר איר אין צ. אַ צוויי-דריי לעקציעס? די שפּראַך פונם בריוו איז געווען אַ זשאַרגאָן פון איינעם, וואָס איז נישט געוואוינט דערמיט. דער אונטערשריפט:

„דיין פריינדין".

– וואָס איז דאָס? — האָב איך אַ פרעג געטאָן, נאָכדעם ווי איך האב אַדורכגעקוקט דעם בריוו.

— דו פרעגסט מיך? פרעג דיין פריינדין! פרעג דיין שיינעם חבר, וועלכער איז אפשר גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, נאָר ס'איז זיך גלאַט אַ תּירוץ... איצטער קען דיין מאַמע אויך ויסן וועגן דעם גרויסן גליק... איצט איז אַלץ פאַרשטענדלעך... איינער האָט זיך אָפּגעזוכט דעם אַנדערן... זי איז אַוודאי אזאַ שיינער פויגל, ווי דו ביסט... איך קלייב נחת, ירמיה!

די אורטיילונג-קראפט האָט זיך צוריק דערוועקט אין מיר. איך האָב מיך איינגעקוקט אין בריוו און געזען, אז ער איז אָנגעקומען קיין צ. נאָך נעכטן.

— איך האָב גערעכנט אים אינגאַנצן דיר נישט איבער-צוגעבן — האָט דער טאטע געענטפערט אויף מיין פראַגע אַלע-מאי איך האָב נישט באַקומען דעם בריוו רעכטצייטיק — אָבער דו „האָסט מיך ארויסגעבראכט פון די כּלים". נו, בדיעבד איז גוט, וואָס ס'איז אַזוי געשען... גוט, וואָס היינט איז שבת... וואָרום ווען נישט דאָס, וואָלסטו אפשר באַלד דערפילט דיין פריינדינס בקשה... און אפשר, קען אויך זיין, אַז דו וועסט איצטער שיקן... כע-כע... וואָס טראַכסטו! וועסט שיקן?

— איך וועל שיקן...

— ווען? מאָרגן?

— מאָרגן.

– פקוח נפש דוחה שבת ?

– פקוח נפש דוחה שבת.

– נו, און ווען וועט זי אהער קומען ?

– ווען זי וועט ווע̄לן...

– גוט... וואָס איז זי דיינע ? אַ געליבטע ?

– אַ געליבטע.

– גוט... נאָך אַ בעסערע ווי משה שמערלס טאָכטער... און דו האָסט מיר די גאַנצע צייט גאָרנישט דערציילט, גאָר גאָרנישט...

– הער אויף ! – האָב איך אַ געשריי געטאָן און בין אַפּער פון טיש.

דער קול איז נישט געווען מיינער. די קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען. מיין טאַטנס פנים איז ווייס געוואָרן ווי שניי. זיין פויסט האט געציטערט און זיך צונויפגעקלאַמערט, אָבער ער האָט זי נישט אַראָפּגעלאָזן אויף מיר, ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועל איך פון אים אוועקגיין תיכף אום שבת, וואָס וועלן לייט זאָגן ?

– אָט דאָס איז דער סוף פון מיין גליק... מיין זון דער עלוי... וויפל וואָלט איך געוועסט קלאָגן, ווען איך באגראָב אים קליינערהייט... אַ בן סורר ומורה...

– כ׳האָב נישט קיין זון... געשטאָרבן מיין זון, געשטאָרבן... – האָט געיאָמערט די מאמע.

---